ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכע
צייטשריפט

UNDZER DOR
Yiddish Magazine for Literary and Social Subjects

YOSL COHEN, Editor

Yosl Cohen, c/o Undzer Dor
264 E. B'dway, Apt. C1003, N.Y. 2
Tel: LF 3-4887

אַבאָנעמענט־פּרייז:
פינף דאָלער ($5) אַ יאָר

# אונדזער דור

• יאָסל קאָהן, רעדאַקטאָר •

Vol. 1, No. 2, March-April 1962 — 166 — מערץ־אַפּריל 1962, אדר ב׳, ניסן תשכ״ב

חיים ליבערמאַן

## פון געטאָ־אויפשטאַנד • אַ פראַגמענט...

פון די פלאַמען פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, וואָס וועלן אין יידישן האַרצן זיך קיינמאָל ניט פאַרלעשן, הויבן זיך אַרויס, מיטן גאַנג פון דער צייט, העלדישע קעמפער־געשטאַלטן, וואָס דער יידישער זכרון וועט זיי קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

אפשר איז דאָס דער רעכטער אופן ווי אַזוי צו באַנעמען יענעם אומבאַגרייפלעכן, הייליקן גרויל וואָס ס'איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד: דורך איינצל־געשטאַלטן, דורך באַזונדערע פיגורן. אין גרויסן גאַנצן, ווי אַ קאָלעקטיווער אויפרייס, ווי אַ בלוט־און־פייער געוויטער פון אַ גאַנצער שטאָט מיט אויפגעפלאַמטע יידן, איז עס אין איבער די כוחות פון דעם שכל משיג צו זיין. וואָס עס האָט זיך דאָרט אָפגעטאָן מיט אַלע יידן אויף אַמאָל אין דער גאַנצער שריפה אויף אַמאָל איז צו גרויס און צופיל פאַרן מוח און האַרץ. אָבער די געשיכטע פון אַ יחיד, די ראָל פון באַזונדערער פערזאָן אין יענעם קאַמף אין יענעם בראַנד, צאַמט אַרום דעם פענאָמען, פאַרשמעלערט דעם אומפאַס פון דעם קאָלאָסאַלן פאַרלויף, און פירט אים אַריין אין די גרענעצן פון אונדזערע נאָרמאַלע חושים.

געווען אַ סך העלדן אין יענער גוואַלדיקער צייט, ווען בלויז זיין אַ ייד האָט געהייסן זיין אַ העלד. זיי זיינען געווען צווישן מענער און צווישן ווייבער, צווישן גרויסע און צווישן קינדער, צווישן אינטעליגענץ און צווישן פראָסטן פאָלק, צווישן אַלע פאַרטייען, צווישן פרומע און צווישן פרייע. יעדער איינער האָט געשאַפן זיין אייגענעם העלדן־געזאַנג אין יענער געטלעכער סימפאָניע, וואָס איז געווען דער וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. יעדער איינער איז געווען אַ שפריץ פייער אין יענער געטלעכער שריפה, און וועלכער דאָס וואַרשעווער

נישט פאַרגעסן!!! נישט פאַרגעבן!!!

שאול מאַלץ

# איוב אין אוישוויץ

(באַמערקונגען וועגן ק. צעטניקס בוך „דער זייגער וואָס אי־בערן קאָפּ". פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל 1961).
הויפּט־פאַרקויף „ציקאָ" ביכער־פאַרלאַג.

אַ דין ביכל. אין גאַנצן 131 זייטן. און וויפל פּיין, איוב־פּיין, איז אויסגעגאָסן אויף די בלעטער?

עס איז אַ זכיה צו לייענען ק. צעטניקס בוך „דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ". עס איז געווען דער גוטער גורל, וואָס האָט ק. צעטניקן געפירט דורך אַלע געפאַרן און ער זאָל אַרויסקומען, ווי דאַנטע, פון גיהנום, אַ לעבעדיקער, און גאָט זאָל אים שטאַרקן, ער זאָל קענען שרייבן די מגילה פון צער — אַ נײַ ספר איוב — דער איוב פון אוישוויץ.

דער אריינפיר — שטיל איז דאָס לעבן אין מעטראָפּאָ־ליע. מענטשן שטעלן אָן די זייגערס לויט דעם עלעקטרישן „פּיליפּ" זייגער.

אַ ריס אַ בלעטל פון קאַלענדאַר און ס'איז 39־9־1. די סוחרים גייען צום פּאָסט־אַמט און ס'איז דאָרט קיינער ני־טאָ. די פאַכן זיינען ליידיק. דער קליינער מאָני לויפט ווי אַ טייוול אויף זיין ראָווערל. באַלד עפנט מען די שול, איילט ער זיך. — העי, מאָני! וועסט היינט מאַכן אַ שפּאָר ביסל קילאָמעטערס!... מאָני וועט שוין היינט ניט קריגן קיין טעוועלע סושאַרד פון פרוי דאָקטאָר לואיסאָן.

היינט איז דער ערשטער סעפּטעמבער 1939, דער אָנ־הויב — די מענער פון מעטראָפּאָליע האָבן די ערשטע באַ־געגעניש מיטן שונא — דעם רוצח. שטומע שטייען זיי צונויפגעדריקט, ווען עטלעכע פון זייערע מיטמענטשן גראָבן אייגענע קברים. רערן פון מאַשין־ביקסן זיינען אָנגעשטעלט. דו מוזט גראָבן, ווייל אפשר... אָבער דער צער איז אַזוי גרויס, ווען דו מוזט מיט אייגענע הענט שופלען אויף זיי ערד. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? — און דער ענט־פער — „הייל היטלער!", צוויי ווערטער אַ מאָרד פאַראַל.

דער מאָרד־פאַראַל גייט אויף די „אַלטן־אַקציע". דער מאָרד־פאַראָל גייט אויף די „קינדער־אַקציע". און אויף דעם וועג צו די וואַגאָנען קיין אוישוויץ. „ער וואָלט געקענט", זאָגט ק. צעטניק, „אַ שפּיי טאָן אַ קללה אינעם שוואַרצן פּנים פון אָנטרייבער, און פאַלן מיטן קאָפּ צו דער רויטער שקיעה. נאָר... „ס'איז ניט קיין גבורה צו שטאַרבן, ס'איז די העכסטע גבורה צו לעבן".

איוב איז געזעסן אין גריבל זאַמד און געצופּט זיינע וואונדן.

און דער מאַן פון מעטראָפּאָליע גייט אַ נאַקעטער אין אוישוויץ צום „באַדע־אַנשטאַלט". דאָס איז פּנים־אל־פּנים מיטן טויט — דער אוישוויצער טויט. די ס.ס.־מענער זיינען שוואַרצע, שווייגנדיקע שאָטנס. געהילט אין נאַכט, ווי אין שוואַרצע פעלערינעס. און אינעווייניק, אין די גאַז־קאַמערן, ווערט דאָס נאַקעטע לייב ליבער. און אָט־אָט וועט נידערן דער טויט, אָבער דער טויט האָט זיי אָפּ־געטאָן אַ שפּיצל. די ס.ס.־מענער ווילן זיך פאַרוויילן.

# אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער

אָנשטאָט ציקלאָן גאַז איז דורך די רערן אַרויסגעקומען — וואַסער. יאָ, פּראָסט פּשוט וואַסער!

די ס.ס.־מענער ווילן זיך פּאַרוויילן. פון גאַז־רערן שפּריצט מחיהדיק וואַסער. אַ וויץ אַזאַ פון די נאַכטיקע שאָטנס, די קראָען, די ס.ס.־מענער ווילן זיך פּאַרוויילן. די אוישוויצער מאַרשירן גליקלעכע צו די בלאָקן. גליקלעכע פון דערווייל געפונענע שעהען לעבן. שפּעטער וועלן זיי זיך הוידען אויף סקעלעטישע פיס. מען וועט ווערן מו־זולמענער. און נאָך דעם קאַנדידאַטן פּאַר דער סעלעקציע.

יאָ, איוב האָט געליטן. איוב איז געווען באַשאָטן מיט קרעץ, איוב האָט זיך געוואַלגערט אין קויט, אָבער דעם אוישוויצערס צרות זיינען געווען טויזנט מאָל געכפּלט. דער אוישוויצער האָט געהאַט חלומות, דערציילט אונדז ק. צעט־ניק. דער אוישוויצער האָט תפילה געטאָן צו אַ שי־סעלע זופּ — ווייל דאָס גיט לעבן. אפשר וועט מען אויס־ציען נאָך אַ טאָג, כדי ביים אָוונט אַפּעל ניט דאַרפן זיך לייגן צום לעצטן אָפּרו.

ביי דער לעצטער סעלעקציע גייט דער שילעווער רב, וועמעס פּנים שיילט זיך, ווי די קאָרע פון אַ בוים, און נאָך אים דער צוויי־און־צוואַנציק יעריקער פּערבער, וואָס שרייט, אַז גאָט פון די הימלען ליגט דאָ איצט צווישן דעם ביינערהויפן, אַ מוזולמאַן. דעם שילעווער רב גלויבט זיך ניט אַזאַ זאָג, שרייט ער — וואָס האָסטו געזאָגט, פּערבער?

פּערבער — איך זאָג, אַז עס וועט שוין קיינער נישט אַריינבלאָזן אַ לעבן אין די דאָזיקע ביינער. מיר האָבן גע־זינדיקט, שילעווער רב! זייט זיך איצט מודה ומתוודה: מיר האָבן געזינדיקט.

שילעווער רב — צי זעסטו נישט, פּערבער, אַז גאָטס גייסט שוועבט איצט דאָ איבער דעם חורבן און באַשאַף? צי פילסטו נישט, ווי מיט אונדזערע ביינער ראַנגלט זיך איצט יעקב מיטן מלאך? מיר זיינען דער גיד־הנשה אינעם דאָזיקן געראַנגל! זיי שטאַרק, מיין קינד, אין דער איצ־טיקער מינוט זיי שטאַרק.

די איינגעשפּאַרטע אין בלאָק, וואַרטנדיק אויף דער ריי צום גאַז־קאַמער, שרייען נאָך דער ראַציע ברויט, אָבער דער בחור פּערבער באַוויינט זיינע יונגע יאָרן.

פּערבער — שילעווער רב! צוליב וועמען ראַנגלט זיך יעקב מיטן מלאך, אויב זיינע קינדער זיינען נישט אַרי־בער דעם טייך, נאָר זיינען געבליבן דאָ, אין דער נאַכט?

שילעווער רב — פון אָט דער נאַכט וועט יעקב מיט זיך אַרויסטראָגן דעם נאָמען „ישראל", דער מאָרגנשטערן וועט פריער ניט אויפשיינען.

עס איז אַוועק אין די גאַז־אויוונס דער שילעווער רב

שאול מאַלץ

# איוב אין אוישוויץ

(באַמערקונגען וועגן ק. צעטניקס בוך „דער זייגער וואָס אי־
בערן קאָפּ״. פאַרלאַג י. ל. פּרץ, ישראל 1961).
הויפּט־פּאַרקויף „ציקאָ״ ביכער־פאַרלאַג.

אַ דין ביכל. אין גאַנצן 131 זייטן. און וויפל פּיין, איוב־פּיין, איז אויסגעגאָסן אויף די בלעטער ?

עס איז אַ זכיה צו לייענען ק. צעטניקס בוך „דער זייגער וואָס איבערן קאָפּ״. עס איז געווען דער גוטער גורל, וואָס האָט ק. צעטניקן געפירט דורך אַלע געפאַרן און ער זאָל אַרויסקומען, ווי דאַנטע, פון גיהנום, אַ לעבעדיקער, און גאָט זאָל אים שטאַרקן, ער זאָל קענען שרייבן די מגילה פון צער — אַ ניי ספר איוב — דער איוב פון אוישוויץ.

דער אריינפיר — שטיל איז דאָס לעבן אין מעטראָפּאָ־ליע. מענטשן שטעלן אָן די זייגערס לויט דעם עלעקטרישן „פיליפּ״ זייגער.

אַ ריס אַ בלעטל פון קאַלענדאַר און ס׳איז 1־9־39. די סוחרים גייען צום פּאָסט־אַמט און ס׳איז דאָרט קיינער ני־טאָ. די פּאַכן זיינען ליידיק. דער קליינער מאָני לויפט ווי אַ טייוול אויף זיין ראָווערל. באַלד עפּנט מען די שול, איילט ער זיך. — העי, מאָני ! וועסט היינט מאַכן אַ שפּאָר ביסל קילאָמעטערס !... מאָני וועט שוין היינט ניט קריגן קיין טעווועלע סושאַרד פון פּרוי דאָקטאָר לואיסאָן.

היינט איז דער ערשטער סעפּטעמבער 1939, דער אָנ־הויב — די מענער פון מעטראָפּאָליע האָבן די ערשטע באַ־

ביסל קילאָמעטער ...

קיין טעוועלע סושאַרד פון פרוי דאָקטאָר לואיסאָן.

היינט איז דער ערשטער סעפּטעמבער 1939, דער אָנ־הויב — די מענער פון מעטראָפּאָליע האָבן די ערשטע באַגעגעניש מיטן שונא — דעם רוצח. שטומע שטייען זיי צונויפגעדריקט, ווען עטלעכע פון זייערע מיטמענטשן גראָבן אייגענע קברים. רערן פון מאַשין־ביקסן זיינען אָנגעשטעלט. דו מוזט גראָבן, ווייל אפשר... אָבער דער צער איז אַזוי גרויס, ווען דו מוזט מיט אייגענע הענט שופלען אויף זיי ערד. פאַרוואָס האָבן זיי דאָס געטאָן? — און דער ענטפער — „הייל היטלער!", צוויי ווערטער אַ מאָרד פּאַראָל.

דער מאָרד־פּאַראָל גייט אויף די „אַלטן־אַקציע". דער מאָרד־פּאַראָל גייט אויף די „קינדער־אַקציע". און אויף דעם וועג צו די וואַגאָנען קיין אוישוויץ. „ער וואָלט געקענט", זאָגט ק. צעטניק, „אַ שפּיי טאָן אַ קללה אינעם שוואַרצן פּנים פון אָנטרייבער, און פאַלן מיטן קאָפּ צו דער רויטער שקיעה. נאָר... „ס'איז ניט קיין גבורה צו שטאַרבן, ס'איז די העכסטע גבורה צו לעבן".

איוב איז געזעסן אין גריבל זאַמד און געצופּט זיינע וואונדן.

און דער מאַן פון מעטראָפּאָליע גייט אַ נאַקעטער אין אוישוויץ צום „באַדע־אַנשטאַלט". דאָס איז פּנים־אל־פּנים מיטן טויט — דער אוישוויצער טויט. די ס.ס.־מענער זיינען שוואַרצע, שווייגנדיקע שאָטנס. געהילט אין נאַכט, ווי אין שוואַרצע פּעלערינעס. און אינעווייניק, אין די גאַז־קאַמערן, ווערט דאָס נאַקעטע לייב ליבער. און אָט־אָט וועט נידערן דער טויט, אָבער דער טויט האָט זיי אָפּ־געטאָן אַ שפּיצל. די ס.ס.־מענער ווילן זיך פאַרוויילן.

# אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער

אָנשטאָט ציקלאָן גאַז איז דורך די רערן אַרויסגעקומען — וואַסער. יאָ, פּראָסט פּשוט וואַסער!

די ס.ס.־מענער ווילן זיך פֿאַרווײלן. פֿון גאַז־רערן שפּריצט מחיהדיק וואַסער. אַ וויץ אַזאַ פֿון די נאַצטיקע שאָטנס, די קראָען, די ס.ס.־מענער ווילן זיך פֿאַרווײלן. די אוישוויצער מאַרשירן גליקלעכע צו די בלאָקן. גליקלעכע פֿון דערווײל געפֿונענע שעהען לעבן. שפּעטער וועלן זיי זיך הוידען אויף סקעלעטישע פֿיס. מען וועט ווערן מו־זולמענער. און נאָך דעם קאַנדידאַטן פֿאַר דער סעלעקציע.

יאָ, איוב האָט געליטן. איוב איז געווען באַשאָטן מיט קרעץ, איוב האָט זיך געוואַלגערט אין קויט, אָבער דעם אוישוויצערס צרות זיינען געווען טויזנט מאָל געכפּלט. דער אוישוויצער האָט געהאַט חלומות, דערציילט אונדז ק. צעט־ניק. דער אוישוויצער האָט תּפילה געטאָן צו אַ שי־סעלע זופּ — ווייל דאָס גיט לעבן. אפשר וועט מען אויס־ציען נאָך אַ טאָג, כדי ביים אָוונט אַפֿעל ניט דאַרפֿן זיך לייגן צום לעצטן אָפּרו.

ביי דער לעצטער סעלעקציע גייט דער שילעווער רב, וועמעס פּנים שיילט זיך, ווי די קאָרע פֿון אַ בוים, און נאָך אים דער צוויי־און־צוואַנציק יעריקער פערבער, וואָס שרייט, אַז גאָט פֿון די הימלען ליגט דאָ איצט צווישן דעם ביינערהויפֿן, אַ מוזולמאַן. דעם שילעווער רב גלויבט זיך ניט אַזאַ זאָג, שרייט ער — וואָס האָסטו געזאָגט, פערבער?

פערבער — איך זאָג, אַז עס וועט שוין קיינער נישט אַריינבלאָזן אַ לעבן אין די דאָזיקע ביינער. מיר האָבן גע־

בײַ דער לעצטער סעלעקציע גייט דער שילעווער רב, וועמעס פנים שיילט זיך, ווי די קאָרע פון אַ בוים, און נאָך אים דער צוויי־און־צוואַנציק יעריקער פערבער, וואָס שרייט, אַז גאָט פון די הימלען ליגט דאָ איצט צווישן דעם ביינערהויפן, אַ מוזולמאַן. דעם שילעווער רב גלויבט זיך ניט אַזאַ זאָג, שרייט ער — וואָס האָסטו געזאָגט, פערבער?

פערבער — איך זאָג, אַז עס וועט שוין קיינער נישט אַריינבלאָזן אַ לעבן אין די דאָזיקע ביינער. מיר האָבן געזינדיקט, שילעווער רב! זייט זיך איצט מודה ומתוודה: מיר האָבן געזינדיקט.

שילעווער רב — צי זעסטו נישט, פערבער, אַז גאָטס גייסט שוועבט איצט דאָ איבער דעם חורבן און באַשאַף? צי פילסטו נישט, ווי מיט אונדזערע ביינער ראַנגלט זיך איצט יעקב מיטן מלאך? מיר זיינען דער גיד־הנשה אינעם דאָזיקן געראַנגל! זיי שטאַרק, מיין קינד, אין דער איצטיקער מינוט זיי שטאַרק.

די איינגעשפּאַרטע אין בלאָק, וואַרטנדיק אויף דער ריי צום גאַז־קאַמער, שרייען נאָך דער ראַציע ברויט, אָבער דער בחור פערבער באַוויינט זיינע יונגע יאָרן.

פערבער — שילעווער רב! צוליב וועמען ראַנגלט זיך יעקב מיטן מלאך, אויב זיינע קינדער זיינען נישט אַריבער דעם טייך, נאָר זיינען געבליבן דאָ, אין דער נאַכט?

שילעווער רב — פון אָט דער נאַכט וועט יעקב מיט זיך אַרויסטראָגן דעם נאָמען „ישראל", דער מאָרגנשטערן וועט פריער ניט אויפשיינען.

עס איז אַוועק אין די גאַז־אויוונס דער שילעווער רב

און דער בחור פערבער. מיט זיי זיינען אַוועק די מאַמעס מיט זייער צער, די טאַטעס מיט זייער טרויער און די קינדער מיט זייערע חלומות. און די אוישוויצער קוימענס רויכערן, שפּריצן פונקען, ווי די אותיות פון יריעות. דער גיהנום פאַרלייגט אויף דער ערד. אָבער עס קומט אַ טאָג און די אויוונס ווערן פאַרלאָשן, שטילקייט אַרום, די אוי־שוויצער טויערן זיינען אָפן, און איינער — זאָל זיין קאַ־צעטניק — שפּאַנט אַרויס אין טאָג אַריין. און וואוהין שפּאַנט קאַצעטניק? צוריק קיין מעטראָפּאָליע! (מעטראָ־פּאָליע איז מיין און דיין שטעטל). און וואָס געפינט ער אין מעטראָפּאָליע? עמיצער באַוואוינט זיין דירה, טראָגט זיינע קליידער און שלאָפט אין זיין בעט.

דער „פּיליפּ" זייגער ציילט נאָך אַלץ מוראדיק די איינ־זאַמע שעהען. איובן האָט מען אומגעקערט זיין שאָדן, זין און טעכטער, שאָף און רינדער, קעמלען און אייזעלינס, און וואָס האָט גאָט געגעבן ק. צעטניקן? וויטערדיקן צער און ביטערע זכרונות פון לעבן.

ק. צעטניק ווערט דער סימבאָל פון באַפרייטן אוישווי־צער. און ווי אַ באַפרייטער טוט ער תפילה: „גיט מיר צוריק כאָטש איין איינציקע האָר פון מיין שוועסטערס גאָלדענע לאָקן! „גיט מיר צוריק אַן איינצלנעם שוך פון מיין טאַטן; „אַ צעבראָכן שרייפעלע פון מיין קליין ברו־דערלס ראָווערל; „און אַ שטויבעלע וואָס האָט גערוט אויף מיין מאַמע. — — —